# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת וארא תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 414



בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


# פניני אמונים

## פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### הקב"ה האט געוויזן אז זייער תפילה איז באליבט

"וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם וָאֶזְכֹּר אֶת בְּרִיתִי" (ו ה)

עס וואלט גענוג געווען ווען עס שטייט נאר "ואני שמעתי", וואס איז "וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי"?

ערקלערט **רבי חיים אבולעפיה** דער מנהיג און דער וואס האט באנייט דער אידישער קהילה אין טבריה:

אין מסכת תענית (כה ב) שטייט אז ווען הקב"ה שטעלט צו פאר א מענטש זיינע געברויכן בעפאר ער דאוונט אויף זיי, איז עס נישט א באווייז אויף זיין חשיבות, ווייל עס קען זיין אז דער אויבישטער וויל נישט הערן זיין שטימע, דעריבער האט אים געגעבן אלע זיינע געברויכן. פון די צווייטע זייט, א מענטש וואס ווערט נישט געהאלפן נאר נאך אסאך בעטן, איז נישט א באווייז אז פון הימל וויל מען זיין דאווענען, ווייל עס קען זיין אז ער נישט ראוי געהאלפן ביז ער דאוונט אסאך. דאקעגן דעם א מענטש וואס דאוונט און זיין תפילה ווערט אנגענומען - איז עס א צייכן א השי"ת גלוסט זיין תפילה.

כדי צו באטאנען אז אויסער די גאולה, וויל דער אויבישטער ווייזן אז זייער תפילה איז באליבט פאר אים, האט ער געזאגט: "וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי...", צו זאגן, איך האב זיי נישט אויסגעלייזט ביז זיי האבן געדאוונט אויף דעם ('עץ החיים').

### דער גוי טוט גיכער תשובה

"הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַרְעֹה וַאֲנִי עֲרַל שְׂפָתָיִם" (ו יב)

די חכמים זאגן (ירושלמי סנהדרין יא ה) אז די גוים ווערן נתעורר צו תשובה גיכער ווי אידן, און צוליב דעם האט יונה הנביא נישט געוואלט אויספירן די שליחות צו גיין קיין נינוה, ווייל ער האט מורא געהאט אז ווען זיי וועלן תשובה טון וועט נתעורר ווערן א קטרוג אויף די אידן, וואס טון נישט תשובה אויך דערנאך וואס די נביאים זאגן זיי מוסר אן אויפהער.

לויט דעם וואונדערט **רבי יעקב שמשון משפיטיווקא** א תלמיד פון מעזריטשער מגיד אויף די קל-וחומר וואס משה האט גע'טענה'עט אין אונזער פסוק: "הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה"; וויבאלד די גויים ווערן גיכער נתעורר צו תשובה ווען די נביאים זאגן זיי מוסר, קען דאך זיין אז די אידן האבן טאקע נישט צוגעהערט צו משה, און דאך וועט פרעה יא צוהערן?

ענטפערט ער: דאס איז טאקע געווען די טענה פון משה, ווייל די אידן האבן מיך נישט צוגעהערט, "וְאֵיךְ [און וואס וועט זיין, אויב] יִשְׁמָעֵנִי פַּרְעֹה", איך וועל דאך בלייבן "עֲרַל שְׂפָתָיִם" - און נישט קענען ממליץ טוב זיין אויף כלל ישראל ('זרע אפרים' על הפסיקתא [לרא"ז מרגליות] דף ע ב).

### צולייגן זכויות קעגן אראפרעכנענען זכויות

"וַאֲנִי אַקְשֶׁה אֶת לֵב פַּרְעֹה וְהִרְבֵּיתִי אֶת אֹתֹתַי וְאֶת מוֹפְתַי בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם... וְיָדְעוּ מִצְרַיִם כִּי אֲנִי ה' בִּנְטֹתִי אֶת יָדִי עַל מִצְרָיִם וְהוֹצֵאתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִתּוֹכָם" (ז ג-ה)

מיר האבן געלערנט (ראה ברכות ס ב) אז א מענטש מעג נישט דאווענען עס זאל אים געשען א נס. און דער **'ישועות יעקב'** (תרפב ב) ערקלערט אז דער איסור איז נאר ווען איינער דאוונט אויף א פריוואטן נס, אבער אויף א נס מפורסם מעג מען דאווענען. ווייל דער טעם פארוואס מען מעג נישט בעטן אויף ניסים איז ווייל דורך דעם טוט מען פארוויינערן פון זיינע זכותים, דאקעגן ביי א נס מפורסם, טאקע ער פארלירט פון זיינע זכויות צוליב דעם נס (תענית כ ב), אבער פון די צווייטע זייט קומט צו אסאך זכויות צוליב די קידוש שם שמים וואס איז געווארן דורך אים.

זאגט דער **'בן איש חי'** אז דער יסוד איז מרומז אין אונזער פסוק: דער אויבישטער זאגט פאר משה, כאטש איך האב פארמערט "אֹתֹתַי וְאֶת מוֹפְתַי בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם", זאלן ענק נישט זארגן אז צוליב דעם וועט מען אראפרעכענען פון ענקערע זכויות, ווייל דורך די ניסים "וְיָדְעוּ מִצְרַיִם כִּי אֲנִי ה'", וועלן צוקומען זכויות אן א שיעור אקעגן די זכויות וואס מ'וועט אראפרעכנען ('עוד יוסף חי').

# פתחו שערים

## די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### תנו כבוד ל[ברכת] התורה

איך האב אמאל געפרעגט איינעם פון מיינע באקאנטע: וועלעכע מצוה דאורייתא זענען מיר מקיים יעדן אינדערפרי, באלד ווען מיר שטייען אויף פון שלאף, אויסער די מצוה פון ציצית און תפילין? יענער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן ברעמען ווי איינער וואס וואונדערט זיך... איך האב אים געעפענט די גמרא אין מסכת ברכות (כא א) וואו דארט ליינט זיך ווי פאלגנד: "מנין לברכת התורה לפניה מן התורה? שנאמר (דברים לב ג): 'כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלקינו'".

יא, נישט אלע ווייסן פון דעם, אבער ביים זאגן ברכות התורה יעדן אינדערפרי זענען מיר מקיים א מצות עשה מן התורה, אזוי ווי דער משנה ברורה פסק'נט אין אנהויב סימן מז.

דערנאך וואס מיין פריינד האט זיך עטוואס בארואיגט פון די ערשטע שאק, האב איך אים צוגעלייגט און געפרעגט: "וועלעכע מצוה דאורייתא זענען מיר מקיים באלד נאך ברכות התורה?". דאס מאל איז ער אינגאנצן צומישט געווארן, און איך האב אים צוטירט די הלכה וואס איז שוין עטליכע מאל דערמאנט געווען אין אונזער באקאנטער גליון, אין נאמען פון 'פרי מגדים' (א"א רטו ו), אז אזוי ווי ברכת התורה איז א מצוה מן התורה, אזוי אויך ענטפערן אמן נאכדעם איז א מצוה מן התורה.

טראכט אריין; נאר פאר א קורצע ווײַלע האבן מיר זיך אויפגעכאפט פון די נאכט שלאף, און שוין זענען מיר ארומגענומען מיט מצוות דאורייתא - מיט ברכות און אמן וואס זייער חיוב איז מן התורה, קען דען זיין אז מיר זאלן נישט ארויפשפרינגען אויף די מציאה, קומען פריה אין שול, זאגן ברכות התורה ווי עס דארף צו זיין?!

די מעלה פון ברכת התורה קענען מיר אויך זען אין דער באקאנטער מאמר פון חז"ל (ב"מ פה ב) אז די סיבה וואס די אידן זענען געגאנגען אין גלות איז געווען צוליב וואס זיי האבן נישט געזאגט 'ברכת התורה' פארן לערנען. מיר אלע האפן און ווארטן אויף די גאולה, און אויב מיר זענען געגאנגען אין גלות צוליב אונזער נאכגעלאזקייט אין די ברכה, איז זיכער אז אויף אונז ליגט א חוב זיך פארבעסערן ספעציעל אין די ברכה - עס זאגן יעדן אינדערפריה מיט כוונה.

די ברכה האט נאך א באזונדערע חשיבות, ווייל אויסער דער חיוב פון הודאה וואס מיר לויבן אויף די תורה וואס מיר האבן באקומען, איז אין דעם אויך דא א באזונדערע תפילה אויף די קינדער און קינד'ס-קינדער.

מיר אלע ווילן זען א דור ישרים מבורך, מיר לייגן אריין אין דעם אזויפיל כוחות, השתדלות און געלט, אבער לאמיר נישט פארגעסן דער עיקר: בעטן מיט כוונה "ונהיה אנחנו וצאצאנו וצאצאי צאצאנו וצאצאי עמך בית ישראל כולנו יודעי שמך ולומדי תורתך לשמה".

א גוט שבת

יעקב דוב מארמארשטיין

# די מאה ברכות וואס האבן דערנענטערט די הערצער

די פאלגנדע געשיכטע האבן אונז געהערט פון דער בעל המעשה, א געטרייער פאטער וואס די גוט'ס פון זיינע קינדער האט ער אוועק געשטעלט פאר זיינע אויגן, און ווען ער האט געזען אז זיי נוטיגן זיך אין זיין הילף, אבער זיי קענען אים נישט בעטן, האט ער זיך געאיילט זיי צו דערלאנגען, וועט ער באנוצט זיך מיט א וואונדערליכע הילף וואס די נוצן פון דעם האט זיך שוין אויסגעוויזן אין די לעצטע טויזנטער יארן.

און אזוי דערציילט דער פאטער:

דער אויבישטער האט מיך מזכה געווען מיט א שיינע משפחה, וואוילע און ערליכע קינדער עוסקים בתורה ובמצוות. ווען עס איז געקומען די צייט האב איך זוכה געווען זיי פירן אונטער די חופה איינער נאכן צווייטן מיט א אויסערגעוועגליכן סייעתא דשמיא. איך האב געוואלט ווייטער זיצן על התורה ועל העבודה מיט א רואיגקייט, און שעפן אידיש נחת צוזאמען מיט הרחבת הדעת, אבער דעמאלטס קפץ עלי רוגזו של בנימין...

בנימין, פון די יונגערע פון מיינע קינדער איז געווען א אויסגעצייכנט קינד, און נאכדעם א אויסגעצייכנטער ישיבה-בחור. 'א גוט קינד פון א גוטע הויז' וואס אין אלע זיינע קינדערישע און בחור'ישע יארן האט ער אונז - זיינע עלטערן און רבי'ס - געברענגט פיל נחת. מיטן אויבערשטנס הילף האבן מיר אויך זוכה געווען אין די ריכטיגע מינוט אים חתונה מאכן מיט א כלה א מושלמת, אויך פון א גוטע הויז און א אפילו א ספעציעלע,



א פעלד פון א איד א 'שומר שמיטה'

פון די שיינע משפחות אין כלל ישראל. נאך א ערליכער אידישע הויז ווערט געבויעט אקעגן אונזערע אויגן און אונזער הארץ איז פיל מיט שמחה.

אבער די גליקליכע מאמענטן האבן נישט לאנג געדויערט. מיר האבן אנגעהויבן זיך ערוועקן ווען עטליכע מאנאטן נאך דער חתונה האט דאס יונגע פאר-פאלק אונז איבערראשט מיטן מעלדן אז זיי האבן באשלאסן פארלאזן זייער וואוינונג וועלכע איז געווען נאנט צו אונזער הויז און זיך אריבערציען צו א שטאט וואס איז געווען ווייט פון אונז, פיזיש און גייסטיש. דער מעסעדזש האט אונז איבערראשט, נאכמער, עס האט אונז אפילו שאקירט, מיר האבן פרובירט זיי איבעררעדן זאלן צוריקציען פון דער מאדנער געדאנק, אבער עס איז אונז נישט געלונגען.

די פאר-פאלק האט באשלאסן זיך דערווייטערן פון אונז פיזיש, און אין אנהויב האבן מיר באשלאסן זיך פארהוילן פון דעם. מיר האבן רעספעקטירט זייער ווילן, ווען מיר באציען זיך צו דעם ווי צו א ווילדע קינדערישקייט וואס וועט אדורכגיין. אבער אונזער אויג האט נישט באמערקט דעם שרעקליכן פארפוילטקייט אין זייערע הערצער אינעווייניג, און צוביסלעך האט זיך עס באוויזן אינדרויסן. ווען מיר האבן דאס געזען, איז שוין געווען גאנץ שפעט...

אין לויף פון א שטיקל תקופה האב איך זיך נישט געקענט בארואיגן, אבער, איין טאג האט מען מיך ערוועקט פון הימל צו טראכטן; די חכמים האבן דאך געזאגט, אז דוד המלך האט מתקן ישראל צו זאגן מאה ברכות יעדן טאג, כדי אפצושטעלן די שרעקליכע מגיפה וואס איז פארגעקומען אין זיין צייט. אויך די צרה, וואס האט אנגעטראפן מיין היים, וואלט איך נישט געקענט אנרופן אנדערשט ווי א "עפידעמיע" - א שרעקליכע גייסטישע מגיפה, וואס האט ליידער פון אונז אסאך אוועקגעריסן, און יעצט האט עס אנגעטראפן אויך אונזער הויז.

געטראכט און געטון, איך האב מיך באלד אונטער גענומען א פעסטע באשלוס אנהויבן מקפיד זיין אויף 'מאה ברכות' יעדן טאג. חוק בל יעבור.

וויבאלד טאג-טעגליך דארף מען זיך נישט פלאגן אנקומען צו די סומע פון מאה ברכות, דעריבער אין די וואכן-טעג האט זיך אנגעמערקט די קבלה מיט זאגן די מאה ברכות מיט כוונה, אבער שבת וואס די ברכות זענען ווייניגער, האט זיך אנגעמערקט די קבלה מיט דעם וואס איך האב זיך באזונער אנגעשטרענגט צו דערגרייכן צו מאה ברכות.

איך האב געזארגט צו קויפן ערב שבת פארשידענע נאשרייען און סארטן ניסלעך וואס דורכדעם וועל איך קענען זאגן עטליכע סארט ברכות. איך האב מקפיד געווען ציילן יעדע ברכה, און איך האב זיך נישט בארואיגט ביז איך האב דערגרייכט צו די צאל 'הונדערט'.

מיין אנטשלאסענע הקפדה איז געשטאנען פאר א נסיון ווען איין שבת בין איך איינגעלאדנט געווארן זיין א גאסט ביי א קרוב צוליב א משפחה-שמחה, און ביים ארגאניזירן זיך האב איך פארגעסן מיט נעמען מיט מיר דעם 'ברכות פעקעדזש'. פון נאטור בין איך אינגאנצן א שעמעוודיגער, אבער דאס מאל האב איך געשטארקט אויף די אומבאקוועמליכקייט און זיך נישט אפגעהאלטן פון צו קלאפן אין די טיר פון איינעם פון די איינוואוינער אין די געביידע וואו איך בין איינגעשטאנען און געבעטן פארשידענע עסנווארג איך זאל קענען משלים זיין די מאה ברכות. עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז דאס איז פונקט געווען שבת פרשת עקב ווען מ'לערנט דער פסוק וואס אין דעם האבן די חכמים געטראפן א רמז אויף די תקנה פון די מאה ברכות: "ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך".

א קורצע צייט שפעטער, האבן מיר מיטאמאל אנגעהויבן דערקענען א ענדערונג. מיר האבן שטילערהייט און פארזיכטיג נאכגעפאלגט די פאר-פאלק, וועלכע האבן אנגעהויבן צוביסלעך זיך מחזק זיין, און ווען זיי האבן צו אונז געקלינגען נאך א יאר נישט באזוכן אין אונזער הויז, און זיך איינגעלאדנט צו אונז אויף שבת, האבן מיר ענדליך געקענט ארויסגעבן א זיפץ פון פארגעניגן.

אין לויף פון די איינגענעמע שבת וואס איז איבער אויף אונז האבן מיר זיך איינגעהאלטן פון צו פרעגן די פאר-פאלק אויף די ענדערונג וואס איז פארגעקומען אין זיי, פריער און יעצט, אבער מוצאי שבת, ווען מיר האבן זיך צוריקגעקערט פון דאווענען מעריב האט מיין זון געעפנט פאר מיר זיין הארץ און אין קורצע ווערטער געזאגט:

"מיט א צייט צוריק האב איך אנגעהויבן דינען אלס אויפזעהער אין א קעלער פון א פארמער, נעבן וואו איך וואוין. נעבן מיר איז געווען א פארמער וואס האט נישט אויסגעזען ווי א שומר תורה ומצוות, אבער איך האב זיך גע'חידוש'ט צו זען אז יעדעס מאל ווען ער וויל עפעס עסן האט ער ארויסגענומען א קאפל פון זיין טאש, עס ארויף געלייגט אויף זיין קאפ און געזאגט א ברכה פאר און נאכן עסן.

ווען איך האב אים געפרעגט אויף דעם האט ער מיך געענטפערט מיט א פשטות: 'איך בין נישט א רעליגיעזער, אבער איך בין א גלויביגער איד. איך האב שטענדיג געוואלט האלטן די מצוה פון שמיטה, אבער ביז יעצט איז מיר עס שווער געווען צו טון צוליב דעם גרויסן שאדן. דאס יאר בין איך צוגעגאנגען צום רב פונעם שטעטל און געבעטן א עצה וואס וועט מיר געבן דעם כח יא צו האלטן שמיטה. דער רב האט מיר גע'עצה'עט אנהייבן זאגן א ברכה אויף יעדע עסנווארג וואס איך לייג אריין אין מויל, און ערקלערט אז די ברכות וועלן מחזק מיין אמונה און מיר געבן די כוחות וואס איך נויטיג זיך איך זאל קענען מפקיר זיין מיין פעלד.

איך האב געטון אזוי ווי ער האט געזאגט און די עצה האט געהאלפן. איך האב באשלאסן מפקיר זיין מיין פעלד, און גלייכצייטיג ווייטער זיך מחזק זיין אין ברכות כדי צו פארשטארקן מיין בטחון אין דעם מלך העולם וואס וועט שטיין צו מיין רעכטע זייט און מיר שפייזן בדרך כבוד אויך דאס יאר'. בשעת'ן רעדן, האט מיך דער פארמער פארגעשלאגן איך זאל ענטפערן אמן אויף זיינע ברכות, און איך האב געשוויגן, ווען יענער פארשטייט נישט פארוואס זיינע ווערטער מאכן אין מיר אזא גרויסן טרייסל.

די אמת איז אז איך בין אויפגעטרייסלט געווארן פון בושה; שטייט נעבן מיר איינער וואס איז נישט אויפגעוואקסן געווארן אין א היימישע געגענט וואס זענען זיך מוסר נפש אויף די אמונה, און איך וואס בין יא אויפגעוואקסן אין א תורה'דיגע סביבה וויל אראפווארפן פון זיך דעם עול תורה?!

דאס האט מיך ערוועקט איך זאל נאכאמאל איבערטראכטן וויאזוי איך זאל מיך פירן, איך האב באשלאסן צוריק צוגיין צו די לעבנ'ס-וועג וואס איך בין אויף דעם ערצויגן געווארן, און אט בין איך דא - א קינד וואס קערט זיך צוריק צו זיין פאטער, מיט א דאפלטן באדייט".

מיין זון האט פארענדיגט זיינע ווערטער, און איך האב נישט געקענט אפהאלטן מיינע טרערן; יא, די ברכות און די אמן וואס איך בין נתעורר געווארן זיך צו מחזק זיין, האבן צוריק געברענגט די נשמה פון מיין זון. שפעטער בין איך דערשטוינט געווארן צו הערן פון מיין זון, אז דער טאג וואס ער האט אנגעהויבן ארבעטן צוזאמען מיט יענעם פארמער, איז געווען זונטאג פרשת ראה - א טאג נאך יענעם שבת וואס איך האב זיך געשטארקט מיטן אויבערשטנ'ס הילף אויף די נסיון און עס בייגעשטאנען מיט הצלחה.

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'השכיבנו'

### די מקור פון די ברכה

נאך קריאת שמע של ערבית האבן די חכמים מתקן געווען צו זאגן צוויי ברכות (ברכות יא א), די צווייטע איז די ברכה 'השכיבנו'.

די סיבה פארוואס די חכמים האבן מתקן געווען זאגן ביינאכט נאך א ברכה נאך קריאת שמע - די ברכה 'השכיבנו', אנדערשט פון בייטאג וואס מיר זאגן נאכדעם נאר איין ברכה, ווייל ביי די ברכה בעטן מיר פון ה' ער זאל אונז אפהיטן פון די מזיקים, און די געבעט איז באזונדער נויטיג אויף ביינאכט, ווען אין די צייט געפונען זיך די מזיקים מער ווי בייטאג ('אבודרהם' תפילת ערבית). אבער עס איז דא וואס שרייבט אז די ברכה 'השכיבנו' וואס ווערט געזאגט ביינאכט, איז נישט ספעציעל וועגן ביינאכט, נאר עס איז אויך וועגן דער טאג. ווייל מיר דערמאנען אין דעם דער ענין פון אויפשטיין - "והעמידנו מלכינו לחיים טובים ולשלום" ('ברכה משולשת' [לרא"י מטיקטין] ברכות א ד).

### די באדייט פון די ברכה

צוליב די הלכה וואלט מען געדארפט דאווענען שמונה עשרה באלד נאך די ברכה 'גאל ישראל', אזוי ווי רבי יוחנן האלט (ברכות ד ב) אז אויך ביי מעריב דארף מען מסמיך זיין גאולה לתפילה (שו"ע או"ח רלו ב). די סיבה פארוואס 'השכיבנו' איז נישט ווי א הפסק בין גאולה לתפילה, ווייל די חכמים (שם) האבן עס אנגערופן ווי א 'גאולה אריכתא' [א לאנגע גאולה].

דער טעם פארוואס די ברכה ווערט פארערכנט ווי א 'גאולה אריכתא' ערקלערט רבינו יונה (ברכות ב ב מדה"ר): אין די נאכט פון ט"ו ניסן, ווען די מצריי'שע בכורים זענען געשטארבן, האבן די אידן געציטערט אפשר צוליב זייערע זינד וועלן זיי אויך שטארבן. האבן זיי זיך געשטעלט דאווענען און שרייען צו השי"ת ער זאל מקיים זיין זיין הבטחה און זיי אפהיטן פון אלעם שלעכטן. אלס זכר צו די תפילה וואס די אידן האבן געדאווענט ביי די גאולה, האט מען מתקן געווען די ברכה 'השכיבנו' וואס איז אויך א בקשה באשיצט ווערן פון יעדן שלעכט'ס. און ווייל די ברכה איז אקעגן די תפילה וואס מ'האט געדאווענט ווען זיי זענען אויסגעלייזט געווארן, דעריבער ווערט עס פארערכנט ווי א פארזעצונג צו די ברכה פון די 'גאולה'.

אין 'ספר האשכול' ברענגט ער אין נאמען פון זיין רבי רבי יצחק בן מרון הלוי אז די ברכה 'השכיבנו' האט מען נישט מתקן געווען נאר אלץ א זכר צו די תפילה פון די אידן אין מצרים, נאר די תפילה האבן זיי געזאגט ארויסגייענדיג פון מצרים. און אזוי שרייבט ער: "ווען זיי זענען ארויס פון מצרים און געגעסן דעם פסח, האט ער זיי באפוילן (לעיל פס' כב): 'ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו' און זיי צוגעזאגט אז דער משחית וועט זיי נישט קענען שעדיגן. און זיי האבן געדאווענט: 'השכיבנו ה' אלקינו לשלום... והסר שטן מלפנינו ומאחרינו ושמור צאתנו...', ווייל דאס האבן זיי געדארפט".

### די געבוי פון די ברכה

די ברכה הייבט זיך מיט א געבעט פון ה' ער זאל אונז לייגן שלאפן מיט א רואיגקייט, און צוריק געבן אונזערע נשמות ווען מיר וועקן זיך אויף פון שלאף לחיים טובים ולשלום.

אין די פארזעצונג פון די נוסח הברכה זאגן מיר א באזונדערע בקשה: "ותקננו בעצה טובה מלפניך", לכאורה, וויאזוי אין די בקשה פארבינדן מיט די ברכה 'השכיבנו'? ערקלערט דער אבודרהם (שם): געווענליך א מענטש נאכן ענדיגן ארבעטן ווען ער גייט זיך לייגן קומען ארויף אין זיין מח פארשידענע געדאנקען וואס ברענגען צו ער זאל האבן פארשידענע באשלוסן, דעריבער בעטן מיר פון הקב"ה ער זאל אריינגעבן אין אונזער הארץ גוטע עצות.

די ברכה ענדיגט זיך מיט די ווערטער: "שומר עמו ישראל לעד" צוגעפאסט צו דער פסוק (תהילים קכא ד): "הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל" ('אבודרהם' שם).

### שבת לאזט מען אויס אנדערשט

א אויסנאם זאך טרעפן מיר ביי די ברכה, אז שבת קודש פירט מען טוישן די אויספיר פון די ברכה אויף: "ופרוש עלינו... ברוך אתה ה' הפורש סוכת שלום עלינו ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים". דער מקור פון דער טויש טרעפן מיר אין מדרש (ראה זוה"ק מח א) וואס זאגט אז שבת דארפן נישט די אידן א שמירה, ווייל די שבת אליין היט זיי, און דעריבער זאל מען נישט אויסלאזן "שומר עמו ישראל לעד" אזוי ווי אינמיטן וואך (טור או"ח רסז).

אבער דער ראו"ה (ברכות ד ב) ברענגט אז זיין רבי דער רמב"ן האט זיך געוואונדערט אויף דעם, ווייל מיר טרעפן נישט א ברכה וואס שבת ענדיגט מען אנדערשט פון אינמיטן וואך, נאר וואו וואס מ'האט מתקן געווען מ'זאל דערמאנען 'שבת' ביי די אויספיר. וועגן דעם פירט אויס דער רמב"ן אז אויך אינמיטן וואך דארף מען אויסלאזן די ברכה "הפורש סוכת שלום", און נישט נאר אין שבת.

### די כוונה פון אמן

**אינדעוואכן:** עס איז אמת אז הקב"ה היט שטענדיג דאס אידישע פאלק, ויהי רצון ער זאל אונז שטענדיג אפהיטן.

**אין שבת:** עס איז אמת אז הקב"ה שפרייט-אויס (אין שבת) א באזונדערע באשיצונג אויף די אידן און ירושלים, און הלוואי ער זאל אונז באשיצן מיט רחמים, חיים און שלום.

## אוצר הברכות

מאה ברכות אין די פרשה

### אין זכות פון מאה ברכות וועט אויפגעבויעט ווערן די בית המקדש

"לָכֵן אֱמֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי ה' וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם וְהִצַּלְתִּי אֶתְכֶם מֵעֲבֹדָתָם וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם בִּזְרוֹעַ נְטוּיָה וּבִשְׁפָטִים גְּדֹלִים" (ו ו)

אין ספר '**פענח רזא**' (דברים י יב) שטייט אז דער וואס איז מקפיד צו זאגן מאה ברכות יעדן טאג וועט זוכה צו זען די בנין בית המקדש.

דאס איז מרומז אין אונזער פסוק: "לכן" איז בגימטריה מאה. "לָכֵן - אֱמֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל" זאג פאר די אידן זיי זאלן זאגן יעדן טאג 'לכ"ן' ברכות, און אין די שכר וואס זיי וועלן עדות זאגן אז "אני ה'" וועלן זיי זוכה זיין צו די גאולה, און שפעטער אפילו בויען משכן וואו דארט וועט זיין 'מאה אדני כסף' אקעגן די מאה ברכות וואס זיי האבן געזאגט ('ולאשר אמר').

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## אוצרות אויף די שבח פון ענטפערן אמן

### אויף אריכות ימים און אויך אריכות שנים

פארוואס דאפלען די חכמים און זאגן: "כל המאריך באמן מאריכין לו ימיו ושנותיו", עס וואלט גענוג געווען זיי זאלן זאגן: 'מאריכין לו שנותיו'?

ערקלערט דער **'בן איש חי'**: 'אריכות ימים' איז נישט טייטש עס זאל צוקומען נאך יארן, נאר אז די יארן זאלן זיין רואיגע מיט אלעס גוט'ס, עס זאל אויסזען ווי זיינע טעג האבן זיך פארמערט (ראה יבמות סג ב). דעריבער האבן די חכמים געזאגט אז דער וואס איז מאריך ביי אמן וועט זוכה זיין צו 'אריכות שנים', און אויך צו 'אריכות ימים', ד.מ. די טעג וועלן פארלענגערט ווערן אין זיינע אויגן זייענדיג אנגעפילט מיט טובה און ברכה ('בן יהוידע' ברכות מז א).

### די וועג פארוויינינערט דאס ענטפערן אמן

די חכמים (ברכות נד ב) האבן צוגעזאגט פאר דער וואס איז מאריך צו דאווענען אז ער וועט זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים. מיט דעם טייטש **רבי אשר אנשיל איעסטע** דעם פסוק (תהילים קב כד): "עִנָּה בַדֶּרֶךְ כֹּחִי קִצַּר יָמָי". די חכמים זאגן (שם ג ב): "המתפלל בדרך - מתפלל תפלה קצרה", קומט אויס אז צוליב וואס: "עִנָּה בַדֶּרֶךְ כֹּחִי" - האב איך נישט געקענט מאריך זיין ביים דאווענען - וועגן דעם "קִצַּר יָמָי" ('חידת שמשון' [פיורדא תקמ"ה] דף ח ע"ב).

אויף דעם וועג לייגט צו האדמו"ר **רבי אליעזר זאב מקרעטשניף**, דער טעם פארוואס די וואס גייען אויף די וועג ווערט פאר'קורצערט זייער לעבן, קומט אויך פון דעם וואס אין די צייט וואס זיי וואלגערן זיך אויפן וועג דערלייגן זיי אסאך אמן'ס. און ענטפערן אמן איז דאך א סגולה אויף אריכות ימים, אזוי ווי די חכמים זאגן קלאר: "כל המאריך באמן - מאריכין לו ימיו ושנותיו" ('עולמו של אבא' עמ' תלז).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

**צו די רעדאקציע 'וכל מאמינים'**

אלס איינער וואס איז זוכה יעדע וואך לייענען אייער חשוב'ן גליון און האט זייער הנאה פון דעם, ווען יעדע וואך פון דאסניי ווער איך איבערראשט פון דעם וואונדערליכן אופן וויאזוי ענק פארשפרייטן די חשיבות פון דאווענען, איבערהויפט דער ענין פון ענטפערן 'אמן'. אין דעם נ׳עם אויסשטעל זענען ענק געשטיגן העכער און העכער, צוברענגענדיג ר׳כע מאטעריאל אין די ענינים פון ברכות און השכמת בית המדרש. כה לחי!

מיין זיידע, רבי שמואל יצחק בן רבי אפרים כהן ז"ל וואס זיין יארצייט געפאלט אויס אין די טעג, פלעגט שטענדיג אכטונג געבן צו ענטפערן אמן, און פלעגט שטענדיג זאגן א שארפן ווארט: די חכמים זאגן דאך אז דער וואס ענטפערט אמן נישט ווי עס דארף צו זיין ווערט געשטראפט צו שטארבן פרי, פון די צווייטע זייט דער וואס ענטפערט אמן ווי עס דארף צו זיין מאריכים לו ימיו ושנותיו (ראה ברכות מז א), קומט אויס אז דער וואס געבט נישט אכטונג אויף דעם ווייזט אז ער זארגט נישט אויף זיין לעבן, איז פארוואס ווארט ער אז אנדערע זאלן זארגן אויף זיין לעבן?!

נאך פלעגט ער אייביג נאכזאגן, אז די ר"ת פון דעם פסוק אין יהושע (ב יג) וואס מיר זאגן ביי די הפטרה פון פר' שלח: "וְהִצַּלְתֶּם אֶת נַפְשֹׁתֵינוּ מִמָּוֶת", איז אמן, דיך צו לערנען אז די אמן וואס ווערט געזאגט ווי עס דארף צו זיין איז א סגולה צו ראטעווען לעבן.

א יישר כח אויף ענקער פלייסיגקייט צו מזכה זיין דעם רבים, איבערהויפט אויף דעם וואס ענק זענען א גאנצע צייט מוסיף והולך, און הלואי מיר זאלן צוזאמען זוכה זיין צו זען ווי שנעלער ווי עס ווערט פארווירקליכט דער פסוק: "וימלא כבודו את כל הארץ אמן ואמן".

**א.ר - קרית גת**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


דער 'באר משה' פון אוזורוב זי"ע

### דער 'באר משה' פון אוזורוב
### א' שבט תשל"א

האדמו"ר רבי משה יחיאל הלוי איז געבוירן געווארן אין יאר תר"נ צו זיין פאטער האדמו"ר רבי אברהם שלמה פון אוזורוב זצ"ל, און צו זיין מוטער די רעביצין א טאכטער פון האדמו"ר רבי חיים שמואל פון חאנטשין. פון זיינע יונגע יארן איז ער באקאנט געווען אלס א גרויסער עילוי, אן נאך בעפאר ער איז אנגעקומען צו די עלטער פון בר-מצוה איז גאנץ ש"ס געליגן אין זיין גאוני'שן מח. אויסער דעם איז ער געווען בקי אין תורת הנסתר און אין ספרי חסידות.

נאך די הסתלקות פון זיין פאטער איז ער געקרוינט געווארן אלס אוזורובער רבי. אין יאר תרפ"ו האט ער זיך באזעצט אין ניו יארק, דארט האט ער אנגעהויבן שרייבן און ארויסגעבן די סעריע פון זיינע באוואוסטע ספרים 'אש דת' און 'באר משה'. אין יאר תשי"ג איז ער ארויף קיין ארה"ק און זיך באזעצט אין תל אביב, און איז געווען פון די מועצת גדולי התורה. ער איז נפטר געווארן ר"ח שבט תשל"א און באערדיגט געווארן אין בית החיים 'זכרון מאיר' אין בני ברק.

### 'השכמת בית המדרש' כדי ענטפערן אמן

דער פסוק (שופטים ה ב): "בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'", ווערט אזוי אויסגעטייטש אין 'תנא דבי אליהו' (רבה י): ב[זכות] מי הקדוש ברוך הוא נפרע להם לישראל מן הגויים? ב[זכות] בני אדם **שמשכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן...**".

פון דא לערנט ארויס דער 'באר משה' (שופטים עמ' קסה) אז דער הויפט מעלה פון ענטפערן אמן איז ווען מ'שטרענגט זיך אן און מ'זוכט זיי נאך, מ'קומט פרי אין שול כדי צו ענטפערן אמן, אזוי ווי די חכמים זאגן דאך דער לשון "שמשכימים...ועונים אמן", אויך דער לשון הפסוק איז "**בהתנדב**", ווען זיי טון זיך באוויליגן זאלן ווערן מחויב צו ענטפערן אמן. א 'אמן' וואס דער מענטש האט נאכגעזוכט איז אין א העכערע מדריגה פון אזא 'אמן' וואס ווערט געענטפערט אן א באזונדערע אנשטרענגונג פון זיין זייט.